**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** דעצעמבער 22, 2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט טוישנדע פראיעקטן פאר ענדיקאט אלץ טייל פון $10 מיליאן שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו**

***אכט שטאט-צענטער אויפלעבונג פראיעקטן וועלן פארבעסערן פיסגייער-פריינטליכקייט און פארבינדונג פון די געסער; פארבעסערן הויזינג און ארבעט געלעגנהייטן; און אויסברייטערן געמיינדע סערוויסעס און קולטורישע איינריכטונגען***

***געמאלענע בילדער פון דעם פראיעקט'ס דעזיין זענען פארעפנטליכט [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אכט טוישנדע פראיעקטן אין די שטעטל פון ענדיקאט אלץ טייל פון די $10 מיליאן שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו גרענט. די גרענטס וועלן ציען ביזנעסער, שאפן ארבעט און פארמערן די ארבעטסקראפט צו פארברייטערן די לאקאלע נייע עקאנאמיע.

"מיין אדמיניסטראציע איז אנטשלאסן צו אויפלעבן ניו יארק'ס שטאט-צענטערן און מאכן זיכער אז ביזנעסער האבן די הילפסמיטלען זיי דארפן צו בליען אין זייער לאקאלע געמיינדעס," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** די פראיעקטן וועלן אויפלעבן די לאקאלע עקאנאמיע פון ענדיקאט און אין די זעלבע צייט פארברייטערן קאמיוניטי סערוויסעס און קולטורישע איינריכטונגען וואס וועט צוזאמברענגען די געמיינדע און מאכן עקאנאמישע פארשריט פאר דורות צו קומען."

די שטעטל פון ענדיקאט דערזעט זיך מיט א פלייץ פון פארגעשריטענע פראדוקציע ביזנעסער, וועלכע האבן געברענגט מיט זיך מער מענטשן און זשאבס וואס קען צוגעבן צום שטאט-צענטער'ס אויפלעבונג. די DRI געגנט ברענגט צוזאם פיר אייגנארטיגע חלקים פון שטאט-צענטער-די שטאט-צענטער הויפט; די הוראן קאמפוס; קליינע איטאליע; און די מערב געיטוועי. ענדיקאט'ס DRI אינוועסטירונגען וועלן פארשטערקערן פארבינדונג צווישן די שטאט-צענטער הויפט און דערנעבנדיגע געגנטער און העלפן אויפבויען א שטארקע געפיל פון פלאץ צו פארזיכערן אז די געגנטער פונקציאנירן אלץ א פאראייניגטע שטאט-צענטער קאמיוניטי.

די DRI אינוועסטירונגען זענען א חלק פון די גאווערנער'ס אנגייענדע באמיאונגען צו העלפן אויפלעבן די אפסטעיט עקאנאמיע און שאפן מער געלעגנהייטן דורכאויס דעם דרום טיער. די DRI ווערט אנגעפירט דורך די סטעיט דעפארטמענט וואס שטעלט צו טעכנישע הילף אזוי ווי יעדע אנטיילנעמנדע קאמיוניטי אנטוויקלט א סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וואס אידענטיפיצרט ספעציפישע פראיעקטן מיט אן אייגנארטיגע חזון פאר די אויפלעבונג פון די שטאט-צענטער געגנט.

די ספעציפישע פראיעקטן וואס וועלן ווערן געצאלט דורך די DRI שטיצן עטליכע צילן און סטראטעגיעס אריינגערעכנט אין די קאמיוניטי'ס סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן, אזוי ווי - פארבעסערן די אויסקוק, פיסגייער-פריינטליכקייט און פארבינדונג פון די געסער; פארבעסערט ביזנעס און הויזינג געלעגנהייטן

דורך איבערמאכן עקזיסטירנדע פראפערטיס און ליידיגע ערטער; און פארמערן קאמיוניטי סערוויסעס און קולטורישע איינריכטונגען. די 9.7 מיליאן דאלארדיגע סטעיט אינוועסטירונג אין די פראיעקטן דורך די DRI וועט זיך רעכענען אויף נאך אנדערע פובליק און פריוואטע אינוועסטירונגען אזוי ווי די אויפלעבונג פראצעדור מאכט פארשריט און גייט אריין אין שוואונג.

די פראיעקטן רעכענען אריין:

<u>**פארבעסערן די אויסקוק, פיסגייער-פריינטליכקייט און פארבינדונג פון די גאַסער**</u>

**פארבעסערן שטאט-צענטער פארבינדונג פון די געסער - DRI גרענט: $3,156,000**
איינשטעלן א פארגרעסערטע פלאן צו בעסער פארבינדן חלקים פון די שטאט-צענטער דורך מיטלען ווי סיידוואק און אויסקוק פארבעסערונגען, טאוולען, לענדסקעיפינג און ליכטיגקייט.

<u>**פארבעסערן הוידזינג און ארבעט געלעגנהייטן דורך איבערמאכן עקזיסטירנדע פראפערטיס און ליידיגע ערטער**</u>

**איבערמאכן א ליידיגע 18-אקער פלאץ - DRI גרענט: $3,120,000**
אויפלעבן א פלאץ וואס שטייט שוין לאנג ליידיג אלץ א ווערהייז פארשפרייטונג צענטער, ברענגן זשאבס צו ענדיקאט און טוישן די מערב געיטוועי צו ווערן די שטעטל'ס שטאט-צענטער הויפט.

**איבערמאכן 32-36 וואשינגטאן עוועניו פאר געמישטע באנוץ - DRI גרענט: $910,000**
איינפירן אינטעריאר רענאווירונגען און דרויסנדע פארבעסערונגען צו א גרויסע געמישטע-באנוץ געביידע צו שאפן צוויי הויך-שטאקיגע דירות, פארשטערקערן עקזיסטירנדע טענענטס און אריינברענגען ניי נוצן אריינגערעכנט א רעסטעראונט.

**איינפירן א שטאט-צענטער אויפלעבן פאנד - DRI גרענט: $600,000**
שאפן א פאנד צו העלפן קליינע ביזנעסער און פראפערטי אייגנטומער אין די DRI געגנט צו מאכן קאפיטאל פארבעסערונגען. בארעכטיגטע אקטיוויטעטן רעכנט אריין דרויסנדע פארבעסערונגען, אינטעריאר אפגרעידס, קליינע ביזנעס אנטוויקלונג און פארברייטערונג און גרינע געביידע עלעמענטן.

**אויפבויען א ארבעטסקראפט הוידזינג דעוועלאפמענט - DRI גרענט: $402,000**
בויען א נייע, געמישטע-באנוץ דעוועלאפמענט מיט ארבעטסקראפט הוידזינג און גראונד פלאר ריטעיל און א פארקינג לאט ביי א הויפט לאקאציע לענגאויס וואשינגטאן עוועניו.

**פארבעסערן די פארנט פון 54 וואשינגטאן עוועניו - DRI וועט גרענט: $100,000**
אפגרעיד און פארבעסערן די פארנט צו שטיצן אן אנגייענדע אינטעריאר רענאוואציע פראיעקט, אנהאלטן די גראונד-פלאר ביזנעס און פארבעסערן ערטער פאר העכערע-שטאק אפיס און רעזידענציאל באנוץ.

<u>**אויסברייטן קאמיוניטי סערוויסעס און קולטורישע אייגנשאפטן**</u>

**אויפלעבן די דרום טיער קאמיוניטי צענטער - DRI גרענט: $1,141,000**
איינפירן א סעריע פון געביידע און סייט פארבעסערונגען צו העלפן די צענטער בעסער סערווירן די ענדיקאט קאמיוניט דורך פארבעסערטע אינטעריאר ערטער, נידעריגע ענערגיע קאסטן און א קלענערע קארבאן פיסטריט און קאפיטאל פארבעסערונגען וואס וועלן האלטן די געביידע זיכער און ווירבלדיג פאר יארן וואס קומען.

**אנטוויקלען א ניו יארק ווײַן פארזוכן פאסיליטעט - DRI גרענט: $271,000**
אויפשטעלן א נייע ווײַן פארזוכן ביזנעס און א נייע אויפגעבויטע געביידע אין קליינע איטאליע, אויפצולעבן דעם געגנט.

**ניו יארק סטעיט סעקרעטאר פון סטעיט, ראבערט י. ראדריגעז האט געזאגט,** "דער שטעטל פון ענדיקאט האט דערגרייכט א קריטישע פונקט מיט נייע פארבעסערטע פראדוקציע ביזנעסער וואס ברענגען מער זשאבס און מענטשן צו די קאמיוניטי, און דורך דעם שטאט-צענטער איבערלעבונג איניציאטיוו, טוט ניו יארק העלפן צו טוישן ענדיקאט'ס שטאט-צענטער צו א מאדערנע געגנט וואס איז געאייניגט פאר 21סט סענטורי זשאבס און ארבעטער צו וואוינען, ארבעטן און באזוכן. די $10 מיליאן גרענט וועט איבערבויען ליידיגע ערטער און פארבעסערן אלטמאדישע פאסיליטעטן מיט נייע ביזנעסער, הויזינג און עפענטליכע צוזאמקום ערטער וואס וועט ברענגען שטאט-צענטער ענדיקאט אריין צום צוקונפט און ווייטער שטארקן איר פארגעשריטענע פראדוקציע סעקטאר. קאנגראטולאציע צום שטעטל פון ענדיקאט און אלע אירע איינוואויער."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמיציאנער האופ קנייט זאגט,** "די אכט DRI פראיעקטן וועלן פארשטערקערן ענדיקאט'ס סיטי צענטער און באהעפטן אייגנארטיגע שטאט-צענטער געגנטער כדי אז צוזאמען, זאלן זיי שאפן א קלארע געפיל פון פלאץ. בשעת פארגעשריטענע פראדוקציע ביזנעסער טוען אויפלעבן די לאקאלע עקאנאמיע, וועט די סטראטעגישע איבערמאכן פון די סיטי אויסקוק און געביידעס מאכן די סיטי ווייטער וואקסן נאך מער אלץ א הויפט דעסטינאציע."

**ניו יארק סטעיט היים און קאמיוניטי איבערבויען קאמיציאנער רות אנן וויסנאוסקאס זאגט,** "דורך די שטאט-צענטער אויפלעבן איניציאטיוו, טוט ניו יארק ארײַנלייגן מיטלען וואס בויען אויף אנגייענדע עקאנאמישע אנטוויקלונג סטראטעגיעס צו העלפן די ווייטערדיגע וואוקס פון סיטיס, טאונס, און שטעטלעך. ענדיקאט וועט שטארק בענעפיטירן פון די אכט גרענטס וועלכע טוען זיך קאנצענטרירן אויף פארבעסערן די שטעטל'ס פיסגייער-פריינטליכקייט, פארמערן הויזינג געלעגנהייטן צו אקאמאדירן א שנעל-וואקסנדע ארבעטסקראפט, און אויסברייטן צוטריט צו קאמיוניטי סערוויסעס."

**סטעיט סענעטאר פרעד עקשאר האט געזאגט,** "פריער באקאנט אלץ די טאל פון געלעגנהייט, איז די ענדיקאט קאמיוניטי געווען אויף די שפיץ פון איבערלעבונג. די אויפלעבן געלטער וועט העלפן אריינאטעמען לעבן און געלעגנהייט אין ענדיקאט פאר די מענטשן פון די קאמיוניטי."

**אסעמבלימעמבער דאננא לאפארדו האט געזאגט,** " מיט געלטער געגעבן פון לעצטע יעריגע שטאט-צענטער איבערלעבן איניציאטיוו, האט ענדיקאט צאמגעשטעלט א מערכטיגע 8-פראיעקט פלאן צו אויפלעבן די שטאט-צענטער און דערנעבנדיגע געגנטער. די צייט איז פונקט גוט פאר די אינוועסטירונגען ווען די שטעטל האט דערגרייכט א וויכטיגע הויכפונקט. עס איז וואונדערליך צו זעהן ענדיקאט'ס וויזיע פארן שטאט-צענטער ענדליך ווערן ווער נאך יארן פון מי דורך אזויפיל געטרייע שותפים. איך וויל זיך נאכאמאל באדאנקן פאר די גאווערנער פאר איר אנטשלאסנקייט צו אויפרישן די אפסטעיט עקאנאמיע."

**ברום קאונטי הויפט זשעסאן גארנאר זאגט,** "עס איז א פרייליכע צייט אין ענדיקאט ווען אינאוואציע און פארגעשריטענע פראדוקציע טוען זיך צוריקקערן צו די חלק פון ברום קאונטי. די שטאט-צענטער איבערפרישן איניציאטיוו גרענט וועט העלפן בויען אויף די פארשריט און אויפלעבן פראפערטיס לענגאויס וואשינגטאן עוועניו און די דערנעבנדיגע ערטער. נייע הויזינג, ארבעטסקראפט אנטוויקלונג ערטער, ריטעיל, און רעקרעאציע וועלן אלע שפילן א וויכטיגע ראלע אין די אנגייענדע איבערמאכן פון ענדיקאט. א דאנק אייך גאווערנער האקול ווי אויך די לאקאלע פירער פאר פארזעצן צו גלייבן אין ברום קאונטי!"

**מעיאר לינדא זשעקסאן, שטעטל פון ענדיקאט זאגט,** "מיר האבן געארבעט א לאנגע צייט צו אויפלעבן די שטעטל דורך איבערמאכן, רענאוואציע און אויפלעבן. די פראיעקטן אריינגערעכנט אין דעם גרענט וועלן העלפן אונזער צילן דורך שאפן ארבעט, שטיצן הויזינג דעוועלאפמענט, און מאכן אונזער שטעטל מער היימליך מיט נייע געשעפטן, ליכטיגקייט און גאס אויסקוק. די DRI גרענט וועט זיין א גוטע 'שטאך אין ארעם' פאר אונזער צוקונפט! א גרויסן דאנק אייך פון אלע פון אונז דא אין די שטעטל פון ענדיקאט!"

**אויפזעער ריטשארד מעטריז, טאון פון יוניאן זאגט,** " די גרענט וועט העלפן דעם שטעטל פון ענדיקאט ארויסגיין פון די אש פון די אמאליגע שטאלצע IBM לעגענד. מיר האפן אז נייע ביזנעסער וועלן זיך אנטוויקלען אין ענדיקאט, ציענדיג מער ארבעטער און באזוכער, אנצונדן אן עקענאמישען אויפקוק וואס וועט בענעפיטירן די טאון פון יונאן אויך."

**שטאט צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו**
ניו יארק סטעיט'ס DRI – א הויפט באשטאנדטייל פון איר עקאנאמישע אנטוויקלונג פראגראם – טראנספארמירט שטאטישע צענטער געגנטער צו ווערן ווירבלנדע צענטער וועלכע אפפערן א הויכע קוואליטעט פון לעבן און וועלכע זענען ווי מאגנעטן פאר נייע דעוועלאפמענט, ביזנעס, נייע דזשאבס און עקאנאמישע און האוזינג פארשידנארטיגקייט. ווערנדיג אנגעפירט דורך די סטעיט דעפּארטמענט מיט הילף פון עמפייער סטעיט דעוועלאפּמענט, די היימער און קאמיוניטי רינוּעל און NYSERDA — איז די DRI א פרעצעדענטלאזע און שעפערישע "אומר ועושה" סטראטעגיע וואס פארט צוזאם סטראטעגישע פלאנירונג מיט באלדיגע אויספירונג, און די רעזולטאטן דערפון זענען געדיכטע, פיסגייער-פריינטליכע שטאט צענטערן וואס זענען א הויפט באשטאנדטייל אינעם העלפן ניו יארק סטעיט צוריק אויפבויען איר עקאנאמיע נאך די ווירקונגען פון די קאוויד-19 פאנדעמיע, און אזוי אויך צו ערגרייכן די סטעיט'ס דרייסטע קלימאט ציהלן דורכן שטופן פאר דאס באנוץ מיט פובליק טראנספארטאציע און רעדוצירן דאס זיין געוואנדן אויף פריוואטע קארן. מער אינפארמאציע איבער די DRI איז פארעפענטליכט דא.

###

נאך נייעס איז דא צו לייענען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן